פּרץ מארקיש

# די קופּע



ДУХ І ЛІТЕРА


קולטור-ליגע
פרץ מארקיש
די קופּע
צ״כענונגען פון יוסף טש״קאוו
מלוכע-פארלאג קיעוו

Це видання присвячене 120 річниці з дня народження видатного поета та письменника, діяча Єврейського антифашистського комітету Переца Маркіша.

Вперше поему «Ді купе» було опубліковано на початку 1920-х років у Варшаві та Києві. Тоді ілюстрації, зроблені для неї художником Йосефом Чайковим, так і не побачили світ. Тепер, після понад 90-літнього забуття, «Ді купе» повертається до читача з оригінальними малюнками.

די אויסגאבע איז געווידמעט דעם 120סטן געבורטסטאָג פון דעם אויסערגעוויינלעכן דיכטער און שרײַבער, טוער פון דעם יידישן אנטיפאשיסטן קאָמיטעט – פּרץ מארקיש. צום ערשטן מאָל איז די פּאָעמע ״די קופּע״ ארויסגעגעבן געוואָרן אין ווארשע און קיעוו אָנהייב 1920סטע יאָרן. דעמאָלט האָבן די אילוסטראציעס, וועלכע דער קינסטלער יוסף טשײַקאָוו האָט געמאכט פאר איר, טאקע נישט געזען די וועלט. איצט, מער ווי 90 יאָר פון פארגעסונג, קערט זיך ״די קופּע״ אום צו לייענער מיט די. אָריגינאלע געמעלן.

נאָך אייך, הרוגים פון אוקראינע,
ווו פול מיט אייך די ערד איז,
און אויך נאָך אייך, געשאכטענע אין "ק ו פּ ע",
אין האָראָדישטש דער שטאָטביים דניעפּער,
— ק ד י ש !

*

ניט! לעק ניט, חלב הימלשער, מיינע פארפאפטע בערד,
פון מיינע מיילער כליופען ברוינע ריטשקעס דזיעגעכץ,
אָ, ברוינע ראָשטשינע פון בלוט און פון געזעגעכץ,
ניט! ריר ניט דאָס געברעך אויף שווארצער דיך פון דר׳ערד.

אוועק! סע שטינקט פון מיר, סע קריכן אויף מיר פרעש!
דו זוכסט דיין טאטע-מאמע דאָ? דו זוכסט דיין חבר?
זיי זיינען דאָ! זיי זיינען דאָ! נאָר ס׳שטינקט פון זיי אן אויר!
אוועק! זיי לויזן זיך צערעפּעטע מיט הענט צעבויגענע ווי מעש...

א קופּע קויטיק גרעט—פון אונטן ביז ארויף איז!
נא! וואָס דיר ווילט זיך, דול-ווינט, קראַץ ארויס און נעם דיר!
אנטקעגן זיצט דער קלויסטער, ווי א טכויר, ביי קופּע אויסגעשטיקטע עופות.

אָ, חלבענע הימלען! אייך צו לאנגע יאָר די שבתדיקע העמדער!
און טראָגט געזונטערהייט, אין נחת, אלע, אלע!
י״א תּשרי תּרפ״א...

*

טויטערהייט וועל איך ארייננגיין
אינם טאָג פון בלוט און האָניק;
טויטע אויסקוקער אין לאנד זיין
וועלן מיינע ערשטע טויבן,
טויבן, טויבן—בארג ארויף!...

ס׳איז מיין גורל אויפגעהאנגען
אויף דער בלוטיקער לבנה,
נאָר נקודות אירע גלאנצן:
״בייכער, בייכער—צו די שטויבן,
אויף שאריען איז דער שלאָף...״



אויף מיין הארץ גייט דול א שטאָט אויס,
פון די אקסל קריכן ראָגן;
—אָ, דו ציגעלע פון אויפגאנג,
פאר צוויי גילדן אויסגעביטנס,
נאָך אמאָל כ׳בין אויף דיין ברית...

אָ, איר מיינע בלינדע טאטעס!
וויפל זנות האָט מיך געטראָגן?
וויפל טראכטן אָנגעזויפטע?...
—וואָס זשע שרעק איך זיך א טריט טאָן,
איך אין מיט פון וועלט-צעריס!...

—היי, צעשפרייט זיך וועלטן-זייטן!
פונם ניל ביז דניעפּ די ראָד איצט,—
דו, מיט אויסגעשפּיזטע אויגן,
העפּע, קופּע, ווילדן פיבער
איבער גריבער, איבער שוועל...

בלינדער שמשון! בלינדער גבור!
האָר אויף קאָפּ שוין ווידער שפּראָצן...
האָפּ אויף זשאָרנע, האָפּ אויף בויגן,
און א טרייסל אָן די ווייטן
און צעוואלעט גאָר די וועלט!...

*

פארזונקען זיצט די שטאָט אין שטילקייט ביז די לענדן,
ווי אין א זומפּ א ליידיקער אן איבערקערטער וואָגן...
אָ, ס׳זאָל כאָטש עמעץ זיך מיט עפּעס קומען ווענדן,
ס׳זאָל עמעצער כאָטש עפּעס קומען זאָגן!...

א ווײ-און-ווינד נאָר וויינט א שקיעה, ווי א שפּארבער
אויף דאך אויף בלינדן פון א בעטלערישער דלאָני...
אָ, עפּן, עפּן אויף דיין שטערנדיקן שער-בלאט,

אלמעכטיקער פון וועלטן,—
הנני העני...

כ׳באגער מיט דיר אין תפילה איצט באהעפט זיין,
און נאָר אויף לעסטערן און נאָר אויף שעלטן
באוועגן זיך מיין הארץ און מיינע לעפצן...

אָ, מיינע אויסגעדאַוונטע געווענדטע הענט,
געשענדט אין צענטן—
נא דיר, נא דיר!...

און צערטל זיי, און לעק זיי, ווי א הונט
אויף פעל צעקרעציקטער—און אייטערדיקע ווונד,
איך בין זיי דיר מנדר!...

איך האָב דיר אויפגעשטעלט אין מיטן מארק א נייעם משכן, גאָט,
א שווארצע קופּע, ווי א בלוטער...
באזעץ זיך אויף איר דאך דעם ברוסטיקן,
גלייך ווי א ראָב אן אלטער אויף א מיכט-קאסטן...

מיין הארץ, מיין הארץ, מיין אויסגעדאַוונט הארץ,
מיט אלע אָפּוואָרפּעכצן,—נא דיר, נא דיר!...
און פּיק עס, פּיק אויף רייט-וואָגן פון צוואנציק דורות דיר געבראכטס
—איך בין עס דיר מנדר!...

א וואנדער-שטעקן וואלגערט זיך און ווארט שוין דיינע טראָט
נאָך קין׳ס אָפּגעשרויפטע רעכטע פיס...
נ׳אויף קידוש—בלוט
פון הבל׳ס האלז—א היטל,—
קיל איך דיר...

פארהילעכטער!
ס׳האט זיך דאָ אָפּגעשטעלט א שווארצע בויד מיט שלאָפנדע פארשוין,

אין בלאָטע איינגעריכטע,
און עפּעס, עפּעס דאָרטן רירט זיך...

אָ, טייכן סמאָלענע פון מיינע אויגן,
אויסגעזויגענע אויף טהרה,—נא דיר, נא דיר!
א שווארצע בויד מיט שלאָפנדע פארשוין,
אין בלאָטע איינגעריכטע...
מען פירט דאָרט נאָך, מען פירט דאָרט נאָך, מען פירט דאָרט...

—נעם, צלם איבער זיך און צייל זיי אויס!
א שקל פון א קאָפּ,
א שקל פון א קאָפּ,
און שטויס זיי, שטויס
ווי שטענדיק אָפּ,
—איך בין זיי דיר מנדר,
איך בין זיי דיר מנדר!..

*

היי, פיסגייער בלינדע, היי, כלי-זמר פון בבל
פון הויכע באלעמערס מיט ציגל געטווישטע,
—אהער, צו דער קופּע, דער קופּע פון טויט-שטאָט!..
היי, כלי-זמר, היי כלי-זמר פארוויינטע פון בבל,
היי, פיסגייער בלינדע אויף וועג פון בית־לחם,
די צימבלען אראָפּגענעמט פון בבל'שע טעכער,
טרינקט אָן אייער טוטל, פארזויגט זיך די פידלען
און שווערט זיך
מיט וידוי,
מיט הערצער
פון פידלען—
פארבאָוועז דעם בבל פון בבלען פון אלע
מיט טאטעס פאר ציגל,
מיט מילעך פון מוטערשע בריסטן פאר קאלעך,



מיט קינדער פאר שטיינער
אין קרוין-שטאָט פון ביינער!...

היי, פיסגייער בלינדע, היי, כלי-זמר פון בבל,
פון הויכע באלעמערס מיט ציגל געפאסטע,
—אויף גרעסטן, אויף העכסטן, אויף ערדישן בלוטער,
אויף קופּע נבלה־שער—שכורע מתים
איצט זיינען
מזנה
די הייליקע מוטער
מיט קינד אין די הענט אירע בלינדע און בלאסע...

היי, כלי-זמר פון בבל,
ביי צימבלען פארשווערט זיך,
ביי פידלען פון הערצער,
שוין הויכט זיך דער קאָפּ, ווי א פייג פון בית־לחם,
דעם הימל צעלעכערן
און אָפּשיילן הויל אים,
—ברוך שאמר והיה העולם!...

*

פאמעלעך! ווינטן-פיליגרימען, פון לענדער פעלזישע פון ווילדע,
באטרעטן גייט איר דאָ פון קופּעס קאָפּ די מעשענע די רויטע שנייען?
פארגרייט זיך שפּיז אויף טויזנט יאָר, אין עלפאנטישער פעל פארהילטע,
באשווערט מיט בלוט די פליגל אייערע,—און דורכפירן וועל איך אייך גיין אליין!..

דאָ ברונעמס לויערן אויף אייך, ווי אָפּגרונטן פון אויפגעהאקטע בויכן,
און ביינער טאָרטשען ווילד, ווי הערנער ריזיקע, פארפאפט מיט שווארצן טלאָ,
—צוויי טויזנט יאָר פארבלאָנדזשעט אין א ברונעם האָט א ווילדע זאווערוכע
און האָט נאָך ניט דערגרייכט ביז איצט דעם בענקענדיקן דנאָ...

פאמעלעך! קופּע קלעטערט אויסלעקן דעם הימל,
ווי א טעלער כמארעדיקע דראליס,
און אויססמאָקן פון וועלט דעם אָפּגעשקראבעטן דעם פוילן ביין,—
אָט יושעט פון איר רוטער משוגעת אויף ווייטן און אויף ימען...

אָ, ווינטן-פּיליגרימען! איר וועט נאָך אָנטרעטן מיין טאַטן אויפן טלית...
ער לויזט דאָרט אויף דער קופּע טויטערהייט מיין שלאָפנדיקע מאמע.
פאמעלעך! טראָט ביי טראָט נאָך מיר, נאָך מיר אליין!...

*

געפלויגן פארביי איז דער קופּע א קראָעכע,
אן אלטע, א גראָבע מיט פיסק מיט צעבראָכענעם...

ווו פליסטו אין אָוונט אין הארבסטיקן, קראָעכע?
—"כ'פלי ברענגען אהערצו מיין גאנצע משפּחה"...

ניטאָ וואָס צו פּיקן, פון הונגער געשוואָלן...
—"נו, קראָעכע, פלי זיך און ברענג זיי בשלום"...

געקומען איז גאנצע משפּחה, די קראָעשע,
האָט קראָעכע אויף קופּע געהאלטן א דרשה:

"אויס וועלדער, אויס פעלדער, ניטאָ זיך ווו הינטאָן,—
מיר וועלן שוין בלייבן דאָ ווינטערן ווינטער"...

דיר פריילעכער, קופּע, וועט זיין איצט מיט קראָעכע,
אי קינדער, אי געסט, אי באקאנטשאפט קיין הרע-ניט...

און לעבן זיך קראָען צופרידן אָן טענות
מיט גאנצע משפּחה'ס, ווי שווארצע ציגיינערס...

און אייעלעך וואָרעמען נבלהשע קערפּערן,
—גאָט זאָל אייך העלפן זיך מערן און פרעכפּערן!..

*

אָ, שפּארבער—טרייסט מיינע, אָ, קופּע מיסט מיט שנייעלעך פּארמישטע,
געפּרוירן כ׳פּלוידער זיך אויף דיר, גלייך ווי א שמאטע א פּארווייטע;
—מיר איז באשערט דיין כהן-גדול זיין, ווי אין א משכן,
מיר איז באשערט ביי דיר צו דינעז די עבודה...

אללא! כריסטאָס! שדי! ווער נאָך? אהער, פּארבייגייער, פּארפּירטע פּיליגרימען!
אהער, פּארבלאָנדזשעטע, ס׳איז א בית-זונה!...
פון גאָר דער וועלט, פון ערדן און פון הימלען
פּאר מלכה איבער אלע בערג וועל איך דיך, קופּע, קרוינען!..

—גייט, וואלגערט זיך א גאנצע נאכט אויף אויסגעשמירטע טמא בייכער
לויפט אויספּאַמפּען פון זיך די לעצטע טראָפּן שימלדיקע זרע,
און הוליעט אָפּ, ווי אלטע עובר-בטלדיקע סולטאנס רייכע...

אָ, ווינענדיקער שפּארבער!
די ווינטן—פּליגל זייערע מיט בלוט האָבן באשוואָרן,
און איך, דיין כהן-גדול, מונטערדיק און וואך בין!...

*

אָ, ווינט און קוויטשעט, האלב-נאכטישע צוגן,
פּארחתמעטע מיט שטיקלעך בלוט, ווי טריוואקסענע קאָפּקעס...
קריצט אויס א בילעניש אויף נאכט, ווי שטראמען רויטע,
אָן צייכנס און אָן ווערטער,
און שטערט ניט די עבודה,
און וועקט ניט אויף די וועכטער...

שוין שווארצע ריוועס רויכערן ארויף
דיינע צעקראצטע בריסטן,
ווי שלענג פּארשאָלטענע זיך ראטשקעווען אויף בייכער...

—איך צאָם דיר אויף
א פּלויט א הויכן,

שלאָפנדיקע מיסט-וויג,
מיט שווארצע פינדלען אויפן טעווער,
—אני הגבר...

אז קיינער זאָל אהער אהער ניט צו גיין,
און קיינער זאָל פון דאנען אָפּגיין...

א צוג אנטקעגן צוג מיט זעצנדיקע טאצן,
פון זייטן צוגן, צלמט זיך מיט צייכנס,
אָ, טרייסט זיך, וועלט, מיט בלוטיקער אילומינאציע!...
און איך, ווי א פאררויכערטער לאמטערן,
וועל גיין
אליין
הרוגים וועקן
אָן שטעקן
און אָן טופּען:
—"שטייט אויף הרוגים אין דער קופּע,
שטייט אויף צו עבודת הבורא"!...

*

אויף מארקן און יארידן
זידן
סטיינגעס פלאטערדיקע, קרעלן,
קנעפּ און ציברעס.

עס פלאקערט פרייד אויף אלעמענס געזיכטער,
א שכור פריילעכס אויף די זונטאָגדיקע שטעלן,
עס טאנצן דינגענדיק-זיך טענדלער,—
ביז הימלען אָנגעשטאָפּט מיט סחורה יעדער פור איז,
ס׳איז נעילה-צייט. אויף גיך! אראָפּ-ארויף א רענדל!
די בעטלער דאווענען פאר יעדן אויף באנדורעס
און מיט ארשינען פאלשע אויף געריס,
פארשמירטע,
מעסט מען ספר-תורהשע יריעות...

—„היי, סטיינגעס, קרעלן קנעפּ און ציבּרעס!...
—טראָגט געזונט!״
און ערגעץ אין א ריוו א חזיר תמעוואטע
נעצט אויף די עשרת הייליקע הדברות,
ווי אויף א שטיק פארשמירטער שוימענדיקער שמאטע...

*

די אפּלען—מיסט
פון אויסגעטאָגטע לענדער,
פון אָפּגעקראָכענע פארנאכטן,—
אויסגעפּליכעט-זאטע,
לייג איך זיך—א לאטע
צו אויסגערינענע צו פּוילע בּריסט,
צו אן אָנפענסטערדיקן גאָט-הויז,
—קדוש, קדוש, קדוש!...

די ווייסלען—קריהע
פון שטויביק-נאסע מחנות בּלינדע...
ווי ווערעם לעקן זיי די ברעגן-ברעמען,—
בּעט איך אויס צוקאָפּנס שקיעה
—אל מלך נאמן!...

די קניען-בּערג,
געפּענטעטע מיט קייטן דורות...
פארקניפּט אין קרייצונגען פון וועגן,
בּילן זיי, די אָפּגעדעקטע פיס...
לייג איך זיך—א שערבּעלע אויף דיינע וויעס
און גיב זיך, אויפשטייענדיק, נאָך דיר א נאָמען,
א מ ן!..

פון אויסגעטאָגטע ווייטע לענדער,
פון בּיינעריקע טויטע שווארצן
שיף איך זיך אצינד דאָ

אויף א שטיין, ווי אויף א דעמבל,
רייס איך דיך אראָפּ פון מיין פארשפארט זײַן,
שטעמפל,
כ׳פּראל זיך אויף—א טויער,
כ׳שטעל זיך—א באלעמער:

היי, איר, קרעמער,
איר, טענדלערס נאכטישע, פון אלטע מערק,
באגרעבער,
תכריכים-שווארצע וועבער,
—איר אלע—אויף
פון אייער מיטן-רו,
פון אייער מיטן-נאכט
און פון געלעגער!...

—פון אלע זייטן וועלט, פארברענטע טראָגט מען ספר-תורות
אויף ברודערשאפט מיט אייך אין קופּע זיך צו טרייסטן...
סע בייטן זיך דאָרט מאה אלף פּלייצעס,
דאָס זילבער פון דעם שווארצן אָרון שוידערלעך און שווער איז:
נאָר יעדער גרוילט מיט משא הייליקער צו זיין באוואָרנט,
נאָר יעדער לעכצט באַרירט זיין מיט לויהדיקן אָרון...

און אונטן קייקלט דאָרט אויף רויטער בלאָטע דורכגייענדער ווינט,
אין ווינדעלעך פארהילט, א זיבעלע, א ברעקל קינד...

און רודערן זיך פּרעגלדיקע לייבער אויף
מיט אויסגעשמירטע טמא פּויסטן פון א שמייכלדיקן שלאָף
און שרייען אויף משוגע און מטורף:

״—צוריק!
—צוריק!

ס׳איז דאָ ניטאָ קיין רו פאר הייליקע פאר ספר-תורה׳ס!.. ״

און ווינטן וואָיענדיקע לאכן:
—אל מלא רחמים...

*

איך היט דאָ דיין געקרייצטן קאָפּ
פון הינט, פון ראָבן
און באגראָבן!..

איך גיי ניט אָפּ
קיין טראָט...

אויף מיינע אויגן שווימען שווער אום
ווערים
און געדערים...

און טאפּ איך נאָר מיט הענט אָן
מיט געווענדטע
א געשענדטן...

איך טאָר ניט טאָן קיין טראָט!..

גאָט!
פאר דיין צופוסן—טרעפּ
פון אלע מיינע קעפּ
לייג איך דאָ אָפּ...

און פליגל קראָעשע דיין הויך מעלייצן!..

—אראָפּ, אראָפּ,
מיר ווילן נאָך אמאָל דיך קרייצן!...



*

פאַרביי וועט אַ טאָג, ווי אַ טויב פונם ערגעץ.
אויף קיינעם פון משכן, מיט שפּייזן צעפּליקטע,
וועט ער מיט זיין אומעט אפילו קיין בליק טאָן...
—אַ ריטש און אַ שפּיי, און אַוועק, און אין ערגעץ...

אַ צי טאָן ט׳מיט פּגר אויף שטעט און אויף פּלעצער,
אויף שטרעקעס אויף וויסטע
פאַרגיין וועט דער ריח...
און ווי אַ געשלאָגענע הינטעכע שוואַרצע
וועט קומען די נאַכט-שעה...

אַ שמעק טאָן דעם מיסט-וויג
דעם ברוסטיקן
וועט זי...

אַ דריי מיטן עק
און אַוועק, און אַוועק...

און וועל איך פאַרבייגייער רופן פון וועגן:
—"אַריינגייט, אַריינגייט, דאָ איז אַ פּאַרפּאָר-הויז,
אַ הייליקער איינפּאָר, דאָ גאָט אַליין שטייט איין,
אַריינגייט, איר, שנאָרערס,
מיט מיילער געדראָלענע, בלאָווע און טויטע,—
אַ מאָלצייט פאַר צוואַנציק יאָר-הונדערטס פאַרגרייט איז,
אָ, אָנקומט, אַריינגייט
און פרעסט זיך, און טרינקט זיך, און ווינטשט אַן עליה
—לחיים! זיי זאָלן זיך דאָרט פאַר אונז מיען!...

און וועל איך פאַרבייגייער אָנגיין אנטקעגן:

—קומט! נאַט אייך, צעעפּנט דעם מישכנס פאַרמעגן,
צעבויטעט דעם אומעט, טרינקט אָן זיך מיט ווייטאָק,
—לחיים! יהוה, כריסטאָס און אַללאַ!

איצט, אלע נבלות און פגרים, איך טרוי אייך,
איצט בלייבט איר ביים טויער
און וויגט אים דעם טרויער
אליין איבער נאכט, איבער שרעק,
איבער שטאָט...

און איך וועל אוועק
פאר אייך בעטלען און דאוונען:

—"אָ, שענקט פאר א נזיר,
אָ, שענקט פאר א יורד,
אָ, שענקט פאר א קדוש
א היטל
מיט בלוט!"

*

אוי, משוגענע, אוי, דולע מיינע פיס,
כ׳וועל אייך טרייבן היינט א גאנצע נאכט אומזיסט"...

וועמעס וונדן, וועמעס ווייַנענדיקע שוועלן
זאָל איך מיידן אין דער וואַרטנדיקער וועלט?...

פון די שלענגלדיקע פענסטערלעך—א שיין,
נאָר ניט קיינער—ניט ארויס און ניט אריין...

ביי די טויערן צעבראָכענע אויף קעסט
זיצט דער אומעט, ווי א קאָטער, וואַרט אויף געסט...

"געל פון טיגערישע פעלן איז די שקיעה,
—טרעט אריבער מיינע שוועלן,—ס׳איז דאָ שטיל..."

אוי, משוגענע, אוי, דולע מיינע פיס,
—כ׳וועל אייך טרייבן היינט א גאנצע נאכט אומזיסט"...

*

שטייט אויף, איר, אויף מאָלצייטן, געטער געבראַכטע
דער טייוול מיט "כיבוד" פון אויב'ן ווארט אייך!
—"עס יום-טובן אדם'ס פארשכורטע קינדער,
עס פאשען זיך אלע—די שאָף און די רינדער,
אויף פעלדער—אי האָניק, אי מילך ווייסע רינט דאָרט
און קערנער אין זאנגען—פאר איינציקן—הונדערט!...

און ברוסטיקע לייבער שוין פרעגלען זיך קרעציק,
אין שייערס פון שפע צעשפארן די ווענט זיך,
און שטרויענע דעכער פון אָנגעשטאָפּ פּלאצן,
ווי פרויען, וואָס טראָגן צו צענדלינגען גאנצע...

און וואָס זאָל איך ברענגען, פון וואָס זאָל איך קלייבן?
און אלע זיך איינס אָנעם צווייטן זיך לייבן...

אליין ביי דער זייט גאָר א ציגעלע שטייט זיך,
א קלאָר-ווייס, א קלאָר-ווייס, אויף העלדזל—א גלעקל,
און שפּילט זיך, און בריקעט, און רוט ניט, און גלעקלט...

א דריי זיך... א צלם... א ברכה... א מוציא...
און כיק אין דעם העלזל אין שניי-ווייסן מיטן,
און נאט אייך א היטל
מיט ווארעמע בלוטן,
צעטיילט זיך אויף דרייען—און יעדן באגלייך!
—לחיים! יהוה, כריסטאָס און אללא!...

*

צעשפּיליעט נאכט איר שווארצע מויל האָט
מיט ציין פון שטערנדיקן טריפן...
—אויף שיפל זילבערנעם פון מולד,
גייט אויף איר, איינזאמע, זיך שיפן!...



ווער ביי געלעגערס האָט קיין רו ניט,
ווער אין דער נאכט-שעה ניט קיין הייל האָט,
—גייט אויף איר נאקעטע, אָן טרונעס,
אויף שיפל זילבערנעם פון מולד...

מען שלאָפט. אליין נאָר ניט די קראָ רוט,
זי פּאָרעט זיך אין מיסט אין פוילן,—
און ווי די תיבה אויף אררט
שטעלט אויף דער קופּע זיך דער מולד...

"ארייננגייט, איינוווינער פון שבעה,
די פּעל פון שקיעה ליגט געקוילעט...
—מיר, קראָען, ווילן זיך ניט שיפן
אויף שיפל זילבערנעם פון מולד...

מיט פרעסנווארג לאָד, מולד, אָן זיך,
לייג אויף אויף זיך א פּאָר נבלות",
—און קראָען שטיל, ווי כמארעס, בלאָנדזשען
אויף שיפל זילבערנעם פון מולד...

*

און הירשן-קאיאָרן מיט שירה אויף הערנער
פון לויטערע רויכן,
מיט שקיעה אין מיילער,
ווי בושעלעס שנייִקע, זאלבן דעם אויפגאנג...

אין הויכן פארנאכטיקע גייען ווערבלוידן
פאררייסן די מיילער אויף שניי-ווייסן מדבר,
ווי אלטע גלחים אין רויכיקע טאלמעס,
און שלעפּן הרוגים און מתים און פּגרים
אויף הילצערנע וואָגנס אריבער דעם דניעפּער...

ארויס איז ער ערשט פון א האַרץ פון א וואָרעמס,
ער איז נאָך פאַרבלוטיקט און איז ער נאָך וואַרעם
און ציטערט מיט הויכן פון אָוונט געאַרעמט...

וואָס גייט איר, ווערבליודן, גנבהש פאַרבהאַלטן,
מיט ליים און מיט האַלץ און מיט פייער צום דניעפּער?
וואָס גייט איר צו וואַסער, ווערבלוידן, ווי טעפּער?

אָ, שערבעלעך, שערבעלעך ליב האָט דער דניעפּער!...

און זיינען די מתים אליין זיך מטהר,
און לייגן אליין זיך אויף הילצערנע וואָגנס,
און גייען ווערבלוידן די העלזער געהאָרבעט,
די מיילער פאַרריסן און וויינען אויף מדבר:

"היי, קומט אויף ביינאַכטישן מאַרק דאָ פון שטילקייט
אויף נאַכטישן האַנדל מיט בערד און מיט ביינער!"

און וויינען ווערבליודן אויף שקיעה פון מדבר
און שלעפּן די וואָגנס אויף מערק און אויף האַנדל...
און אָנטרייבער—ווינטן,
און בייטשן—א רעגן,
און דריי מאָל געזייעט און ניין מאָל געשניטן...

און ליגט זיך דער ברעג—א צעגריזעטע כמאַרע—
און גידערט זיין אויבערשטע ליפּ צו דער טהרה...

און הירשן-קאַיאָרן מיט שירה אויף הערנער
פון לויטערע רויכן,
מיט שקיעה אין מיילער,
ווי בושעלעס שניילקע, זאַלבן דעם אויפגאַנג...

*

אָ, איר, דניעפּערישע הירשן,
—שקיעות-נדן—אויסגעסילוקט
פאר אוקראינישע טעכטער,—
היינט וועל איך זיין דער באשערטער!...

פון א שקיעה-לאנד באוויליקט
נ׳אייך זיך הייליקן גיי איך שוין,
אָ, איר, דניעפּערישע הירשן!...

דניעפּער, דניעפּער, טייך פון טהרה,
ניט צו זען איז אויף דיין פליסן
מער קיין אויסגעקניפּטע פלייטן...
ברידער מיינע—אָפּגעריסן
שווימען טויטע
אָן באגלייטער...

זייט א נאכט א גאנצע וואך היינט,
איר, אוקראינישע טעכטער!
נדן—שאָלעכץ פון די טייכן!
—היינט וועל איך זיין דער באשערטער!...

*

איר אויף מיין, אויף מיין בייז וואונדער,
דורות-טראָלדן לאנג פארזאמטע,
—וויפל זיינט איר?...

אויפגערופענע אויף וואונדער,
קלויסטערס—גלעקערישע פליגל,
—ווארט ניט,—פּיקעט!...

צוואנציק קומענדע יאָר הונדערטס,
מיך אויף משכן—צלם נייעם,
—גייט באשפייען!...

מיך—מזוזה,—אויפגעהאנגען
ביים ארייננאנג
אויף די טויערן פון פעסטונג,
—אלע, אלע, אלע לעסטערט!...

*

ווי זאנגען ציען מיילער זיך צו דארע דיקעס
כון הויכן,—כמארעדיק פארחתימהטע,
—וועט כאָטש א טריף דער הימל טאָן?...

און הימלען, גלייך ווי בלויע בלעכענע טשייניקעס,
צעבויגן, בויגן זיך צו באקן נאקעטע,
—וועט כאָטש איין מאָל א קאפע טאָן?...

מיט קרומע הערעלעך, ווי מיט פארדרייטע דראָטן,
א ראָד זיך אמפערט א צעשטאָרכעטע,
—וועט כאָטש א ווינט א פאָכע טאָן?...

און שקיעות מעלה-גרהן גראָז צעטראָטנס,
ווי ביינדעלעך פון הענטלעך קינדערשע,
—וועט ניט געשען קיין ווונדער שוין?...

*

אָ, קומען און דורכגיין א דור נאָך א דור וועט
אין ברויט און אין זאלץ, און אין דאגרת פארהאָרוועט,
וועט אפשר ביים משכנס פארלאָשענער
קראָ-שיין
זיך אָפּשטעלן ציילן און גלעטן די גראָשנס...

און ווען מען אמאָל שוין
די זון-שיין
זיך ווינטשן,—
ז׳אינמיטן דעם מאָלצייט פון וועלטישן העלן
ווערט קויטיק דער דרויסן,
צעוויינען זיך שוועלן...
און אָנשווימט אין מיט פון דער וועלט א געשפענסטער
און קראצט אָן דער זון זיך דעם רוקן און לעסטערט:

—״סע בייסט מיך! סע שטינקט פון מיר, ברידער און שוועסטער!...״

פאררויכערט מען גלאָז פון צעבראָכענע פענסטער,
מען סטארטשעט די אויגן פון בערג ביי די ימען,
א וואונדער, א וואונדער, א נס! לקי-חמה!...

פארשטעלט איז די טאָג-זון מיט בלוט און מיט אויטער,
מיט פגרשער קופּע, מיט בבל פון טויטע...

און לעסטערט די קופּע—א קריטיקע כמארע:
—און ווער וועט מיך טהרהן?...
און ווער וועט מיך טרייסטן?...
נ׳פון וואָס פאר א מבול—א בלאָנדזשענדע תיבה
וועט טויבי מיר ברענגען אהער אין דער טויט־שטאָט?...

אָ, ווינט פון דער מדבר,—דו סט׳בלייבן
געטריי מיר,
א קוש טאָן מיך אפשר פון פעלז פראָמעטיי וועט!...

—פארביי מיר, פארביי מיר,
מיין קאָפּ וועט קיין אָפּרו ניט געבן קיין תיבה,
מיין הארץ וועט קיין טרונק זיין פאר מדברשע פיה,

—בּ:דמיך חיי!
—בּז׳מיך חיי!...

*

מע וויל מיר קיין שטאָט ניט פארדינגען אין וועלט
מיט קיין אייגענעם שטענדער...
מע שעלט מיך:
״געשענדטער״...

אָ, אויסרייסן בלוטיק דיך, קופּע, פון מיט-ערד,
אויף פּלייצעס דיך נעמען מיט גאָט, ווי א מטה,
און לויפן און לויפן
די פעלזן צעשרויפן
און פעלזן מיט פעלזן צעקריגן,
צעשלאָגן,

—אָ, דור פון הפלגה!...

און ליגן
און פּינען:

—״באווארפט מיך מיט סקילה,
מיט סקילה, מיט סקילה
ביז הירש פון באגינען!...״

מיר חלומט זיך הימל, צעפלאקערט מיט טרויבן,
מיט טויזנטער שטערן אין מיילער פון פויגלען,
און ווער וועט זיי שניידן?
און ווער וועט זיי קלויבן?...

אָ, שרפהשער שטערן פון אויסגעפּיקט אויג!
דו זוכסט א פּאָלאָנקע אויף מעשענע שנייען,
אויף ברוסטן אויף מיינע פון בלוטיקן טאָל,
—איז נא דיר מיין הארץ פאר א רויטע קמיע,—
די אומרויק-רויטע די בלוטיקע פאָן!...

*

ס׳איז היינט א מילעכיקע נאכט פון איינגעשטעלטן קריגעלע לבנה-לייב געראָטן,
דערשרעקט זיך ניט, אָ, שווארצע קעץ, פאר אומרו פון מיין טופען;
איך גיי אייך אָנזאָגן א גזרה פון דער מלכה קופע:
—זי שליידערט דעם בארג סיני אָפּ צוריק די צען געבאָטן...

איר מויל זיך דאַרשטיק רויכערט, ווי א קראטער א צעגליטער,
און טרויעריק איר זויף, גלייך ווי מיט שווארצן מארך פארזאָטן;
—היי, בערג און מארקן! אויף א שבועה רוף איך מיט מיין ליד אייך,
די קופע בלוטיקט דעם בארג סיני אָפּ די צען געבאָטן!..

צוויי פויגלען דרייען זיך ארום איר מויל און שפרעכן, און באשווערן,
און וויקלען איבער הויך איר צונג, ווי א צעפלאקערטע מגילה,
און לייגן אויף איר קאָפּ א קרוין פון שוימענדיקן שטערן...

אָ, סיני-בארג! אין איבערקערטער שאָל פון הימל—לעק די בלאָווע בלאָטע!...
און נכנע, נכנע, ווי א קאץ, אין האלב-נאכטישער תפילה,
—די מלכה-קופע שפייט אין פנים צריק דיר אָפּ די צען געבאָטן!...

*

צעבלוטיקט וואלגערט זיך אויף גאסן גאָט,
אי אונטער גלעקערס פייערלעכן ווילדן וויאָקען,
אי אונטער דיינע טענץ, אָ, צווייטער בבלשער גאָלגאָט!...

צו דיר, צו דיר, אָ, קופע מיסט, אָ, מלכה בארג,
וועט זיך אינמיטן מארק
זיין קערפער צוויאָקען,
ווי צו דער ערד זיך צוויאָקעט פאָקנדיק די שטאָט...

גאָלגאָט!
שוין ציילן קלויסטערס אָפּ, ווי טענדלערס נאכטישע, פאר גאָט
דאָס זילבער;



ביי דייגע טראָט
פון קרוינען אויסגעשנייט האָט זיך א בלענדנדיקער האָגל!

—איך קלאָפּ אריין דעם ערשטן צוויאָק אין זיינע פליגל
אויף דיינע הויכע, קופּע, בבלדיקע ווענט...

אויף ערשטן טראָפּן בלוט פון דיינע הענט
—א דאָרשטיקער, א תפילהדיקער לאָגל,—
—שוין אונטערשטעלט האָט זיך דאָס מויל דאָס שרפהדיקע פון באגינען...

נ׳ביי דיינע אויסגעשמירטע פיס אין וויסן טרויער,
ווי ניינצן בלינדע מאגדאלינעס
—פארגעבונג בעטן ניינצן דורות!...

*

ניט! לעק ניט חלב הימלשער מיינע פארפאפטע בערד,
פון מיינע מיילער כלויפען ברוינע ריטשקעס דזיעגעכץ;
אָ, ברוינע ראָשטישנע פון בלוט און פון געזעגעכץ,
ניט! ריר ניט דאָס געברעך אויף שווארצער דיך פון דר׳ערד...

אוועק! סע שטינקט פון מיר, סע קריכן אויף מיר פרעש!
דו זוכסט דיין טאטע-מאמע דאָ? דו זוכסט דיין חבר?
—מיר זיינען דאָ! מיר זיינען דאָ! נאָר ס׳שטינקט פון אונז אן אויר!
אוועק! מיר לויזן זיך אין נחת, מיט הענט צערעפּעטע, ווי מעש...

א קופּע קויטיק גרעט—פון אונטן ביז ארויף איז...
נא! וואָס דיר ווילט זיך, דול-ווינט, קראַץ זיך אויס: א קינד? א כלה?
אנטקעגן זיצט דער קלויסטער, ווי א טכויר, ביי קופּע אויסגעשטיקטע עופות...

אָ, חלבענע הימלען,—מיר זיינען דאָ! מיר זיינען דאָ! מיר אלע!...
י״א תשרי תרפ״א... צו גאָטס נאָמען,
—א מ ן!...

УДК 821.112.28

НАЦІОНАЛЬНИЙ УНІВЕРСИТЕТ
«КИЄВО-МОГИЛЯНСЬКА АКАДЕМІЯ»

ЦЕНТР ДОСЛІДЖЕНЬ ІСТОРІЇ ТА КУЛЬТУРИ
СХІДНОЄВРОПЕЙСЬКОГО ЄВРЕЙСТВА

М267 Маркіш Перец. Купа (їдишем). – Київ: Дух і Літера, 2015. – 32 с., іл. ISBN 978-966-378-429-8

Поема «Купа» створена видатним єврейським поетом Перецем Маркішем під враженням від кривавого погрому в містечку Городище під час Громадянської війни на Україні. Сотні євреїв було вбито напередодні Судного дня, й їхні тіла лишались непохованими. Натуралістично зображуючи наслідки різні, поет щосили акцентує на пасивності жертв й закликає живих до помсти. Ця експресивна та емоційна поема справила потужний влив на всю майбутню єврейську літературу.

Видавці: *Костянтин Сігов та Леонід Фінберг*

Художник: *Йосеф Чайков*

Верстка: *Ірина Риндюк*

Відповідальна за випуск: *Наталія Риндюк*

На обкладинці – гравюра Франсиско Хосе де Гойї «В мішках» (1815–1819)

© Перец Маркіш
© Йосеф Чайков, ілюстрації
© Дух і Літера

ISBN 978-966-378-429-8

**Усі права застережені**

***З питань замовлення***
***та придбання літератури звертатися:***

Видавництво «ДУХ І ЛІТЕРА»
Свідоцтво про державну реєстрацію друкованого ЗМІ
Серія КВ № 5725

Національний університет «Києво-Могилянська академія»
вул. Волоська, 8/5, кімн. 210, Київ 70, Україна, 04070

Тел./факс: +38 (050) 425-60-20
E-mail: duh-i-litera@ukr.net (відділ збуту);
litera@ukma.kiev.ua (видавництво)
**www.duh-i-litera.com**

***Надаємо послуги: «Книга – поштою»***

Підписано до друку 7.12.2015.
Формат 60x84/16.
Цифровий друк. Папір офсетний.
Умовн. друк. листів 1,86. Гарнітура Adobe Hebrew.

ТОВ «Фенікс»
03148, вул. Гната Юри, 9, тел./факс (044) 407-11-91
www.fenix-design.com

Свідоцтво про внесення до державного реєстру
суб'єктів видавничої справи серії ДК №3835.



ISBN 978-966-378-429-8
9 789663 784298 >